NEW YORK CITY DEPARTMENT OF HEALTH
AND MENTAL HYGIENE
**ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו העלט**
**און מענטאל הייגשין**
Thomas Farley, MD, MPH
*קאמישאנער*

# מאמפס (אינפעקשעס פאראטייטיס)

*וואס איר דארפט וויסן*

**וואס איז מאמפס?**

מאמפס איז א ווייראל קראנקהייט וועלכע באווירקט די שפייבעכטס גלענדס.

**ווער באקומט מאמפס?**

מענטשן אין יעדן עלטער קענען באקומען מאמפס, אבער די מערסטע פאלן פון מאמפס אין די פאראייניגטע שטאטן פאסירן ביי קינדער צווישן 5 און 19 יאר אלט.

**וויאזוי טוט זיך דער מאמפס ווירוס צעשפרייטן?**

מאמפס, גענוי ווי אינפלוענזע, צעשפרייט זיך דורך די "רעספיראטארי" טראפונגען וועלכע ווערן ארויסגעלאזט ווען אן אנגעשטעקטער מענטש הוסט אדער ניסט.

**וואס זענען די סימפטאמען פון מאמפס?**

טייל פון דער סימפטאמען זענען פיבער, קערפערליכע ווייטאגען, קאפ ווייטאג, און שוועלן פון דער שפייבעכטס גלענדס. די "פאראטייד" גלענד, וועלכע געפינט זיך גראד אונטערן אויער און פארענט פון אויער, איז מערסטענס מאל באווירקט. ארום א דריטל פון דער מענטשן וועלכע כאפן-איבער דעם מאמפס ווירוס אנטוויקלן נישט קיין סימפטאמען.

**וואס זאל איך טאן אויב איך, אדער מיין קינד, איז געווארן אויסגעשטעלט צו מאמפס?**

אויב א מענטש וואס איז נישט געווארן וואקסינירט (אימוניזירט) ווערט אנגעשטעקט מיט מאמפס, וועט נישט העלפן דאס באקומען די וואקסין כדי צו פארמיידן די קרענק. אויב א מענטש וואס איז נישט וואקסינירט געווארן ווערט אויסגעשטעלט צו מאמפס אבער ווערט נישט אנטצינדען, דאן וועט די וואקסין העלפן באשיצן דעם מענטש פון א צוקונפטיגע אנטצינדונג.

**וויאזוי קען א מענטש מיט מאמפס פארמיידן דאס צו פארשפרייטן פאר אנדערע?**

- בלייבט אין שטוב פאר 5 טעג נאכדעם וואס די סימפטאמען הייבן זיך אן; מיידט אויס שולע אדער ארבייט פלעצער.
- דעקט איבער אייער מויל און נאז מיט א טישו ווען איר הוסט אדער ניסט.
- וואשט זיך אפטמאל אפ די הענט מיט זייף און וואסער אדער אן אלקאהאל-באזירטע האנט רייניגער.

פלאקאטן איבער די פארמיידונג פון פארשפרייטן שעדליכע באצילן זענען פאראן צו באקומען אן-ליין. באטראכט די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט פלאקאטן, אדער דעם CDC "באדעקט אייער הוסט" פלאקאט.

**וואסערע קאמפליקאציעס זענען פארבינדען געווארן מיט מאמפס?**

- דער מאמפס ווירוס קען אנטצינדען דעם צענטראלן נערוון סיסטעם, אבער די קראנקהייט וואס קומט ארויס דערפון (ווירול מענינדזשייטיס) איז געווענליך נישט ערנסט. קאפ ווייטאג און א שטייף האלדז פאסירט אין ארום 15 פראצענט פון דער מענטשן וואס האבן מאמפס.

- מענער וואס זענען שוין אביסל דערוואקסן קענען מיטמאכן "אָרקייטיס", אדער אנטצינדונג אין די טעסטיקלס. עס ברענגט צושטאנד ווייטאג, שוועלונג, איבלען, ברעכן און פיבער. דער באווירקטע פלאץ קען בלייבן סענסיטיוו פאר וואכן לאנג. ארום העלפט פון דער פאציענטן מיט "ארקייטיס" גייען דורך אגעוויסע נאכלאזונג פון דער טעסטיקלס, אבער עס איז זעלטען וואס זיי פארלירן די מעגליכקייט צו פראדוצירן ספוירם.
- טייל פרויען גייען דורך אן אנטצינדונג פון דער אואריס אדער ברוסטן פון מאמפס.
- טויבקייט, אין איינס אדער ביידע אויערן, פאסירט אין אומגעפער איין מענטש צווישן 20,000 מענטשן וואס אנטוויקלן מאמפס.

**ווי נאענט נאך דער אנטצינדונג קומען פאר די סימפטאמען?**

די סימפטאמען פאסירן געוועגליך צווישן 14 און 18 טעג נאך דער אנטצינדונג. דער צווישנשייד צווישן דער אנטצינדונג און דער קראנקהייט קען זיין אזוי קורץ ווי 12 טעג אדער אזוי לאנג ווי 25 טעג.

**ווען און ווי לאנג קען אן אנגעשטעקטער מענטש צעשפרייטן מאמפס?**

מענטשן מיט מאמפס זענען געוועגליך אנשטעקיג פון 2 טעג בעפאר ביז 5 טעג נאכדעם וואס זיי אנטוויקלן די סימפטאמען. א מענטש איז אממערסטענס אנשטעקיג ממש איידער די סימפטאמען באווייזן זיך.

**אויב מען וועט קראנק אויף מאמפס, מיינט דאס אז מען איז אימיון (באשיצט דערפון)?**

יא, זייענדיג אנגעשטעקט מאכט אייך אימיון (באשיצט) קעגן מאמפס אויפן גאנצן לעבן.

**איז פאראן א וואקסין אקעגן מאמפס?**

יא, די מאמפס וואקסין ווערט געגעבן דעם טאג פונעם קינד'ס ערשטע געבורטס-טאג, אדער שפעטער. געוועגליך איז עס קאמבינירט מיט מיזעלס און רובעלא וואקסינאציעס אין א געוויסע פארמולא וואס איז באקאנט אלס MMR (מיזעלס, מאמפס און רובעלא). עס איז רעקאמענדירט א צווייטע דאזע פון דער מאמפס וואקסין בעפאר די קינדער הייבן אן צו גיין אין שולע, ביים עלטער פון 4 ביז 6 יאר אלט. יעדער וואס האט באקומען 2 דאזעס פון דער מאמפס וואקסין איז וויניגער ווארשיינליך אז יענער וועט אנטוויקלן מאמפס. פאר אינפארמאציע איבער וואו אייער קינד קען ווערן וואקסינירט, רופט 311.

**דארפן קינדער באקומען די MMR וואקסין איידער זיי ווערן 12 מאנאטן אלט?**

ניין, די **MMR** וואקסינאציע איז נישט רעקאמענדירט בעפאר א קינד'ס ערשטע געבורטס-טאג.

**ווי שנעל האט די וואקסין א ווירקונג?**

עס דויערט געוועגליך צווישן 10 און 14 טעג פארן קערפער צו רעאגירן צו דער ערשטע דאזע פון דער מאמפס וואקסין. די פולשטענדיגע אימיוניטי (באשיצט'קייט) ווערט נישט ערגרייכט ביז אומגעפער 7 טעג נאך דער צווייטער דאזע.

**איז רעקאמענדירט א פריע צווייטע דאזע פון דער MMR וואקסין פאר קינדער?**

ניין, א חוץ אין אויסערגעוועגליכע אומשטענדן. אויב א קינד וואס האט באקומען איין דאזע פון דער **MMR** וואקסין איז אויסגעשטעלט צו מאמפס בעפאר עס באקומט די צווייטע דאזע, טוט דער העלט דעפארטמענט רעקאמענדירן אז מען זאל אדמיניסטרירן די צווייטע דאזע פרי. די צווייטע דאזע קען רואיג ווערן אדמיניסטרירט אזוי פרי ווי 28 טעג נאך דער ערשטע דאזע, אבער עס קען זיין אז עס וועט נישט זאפארט צושטעלן קיין באשיצונג. צוליב דעם וואס יעצט איז פאראן אן אויסברוך פון מאמפס, טוט דער העלט דעפארטמענט רעקאמענדירן אז קינדער וואס וואוינען אין ברוקלין זאלן באקומען זייער צווייטע דאזע פון דער **MMR** וואקין פרי. די פריע צווייטע דאזע איז גילטיג פאר שולע רעקארדס.

**וואס זאל איך טאן אויב איך געדענק נישט צי איך האב באקומען א מאמפס וואקסין און איך האב נישט קיין וואקסינאציע רעקארד?**

דערוואקסענע מענטשן וואס האבן נישט קיין רעקארדס צו באשטעטיגן אז זיי האבן באקומען צוויי מאמפס וואקסינאציעס, זאלן באקומען וויינגסטענס איין דאזע פון דער **MMR** וואקסין. דערוואקסענע מענטשן וואס זענען געבוירן שפעטער פון 1957 און זענען קיינמאל נישט וואקסינירט געווארן קעגן מאמפס, זאלן באקומען צוויי דאזעס פון דער **MMR** וואקסין.

**וואו קען איך געפינען די מאמפס וואקסין פאר מיר אליין אדער פאר מיינע קינדער?**

פארבינדט זיך מיט אייער דאקטאר אדער רופט 311 וועגן דעם נאענטסטע פלאץ וואו איר קענט באקומען די מאמפס וואקסינאציע אומזיסט אדער פאר ווייניג געלט.

**איז פאראן עפעס א בענעפיט צו נעמען א דריטע דאזע פון דער MMR וואקסין?**

אויב א מענטש רעאגירט נישט צו די ערשטע צוויי דאזעס פון דער וואקסין, איז נישטא קיין שום באווייז אז א דריטע דאזע וועט צושטעלן כאטש וועלכע צוגאב באשיצונג.

**איז פאראן עפעס א געפאר צו געבן א דריטע דאזע?**

ניין, עס איז נישטא קיין באווייז אז דאס באקומען מער ווי צוויי דאזעס פון דער **MMR** וואקסין איז שעדליך. מענטשן וואס זענען נישט זיכער איבער זייער וואקסינאציע היסטאריע, זאלן באקומען אן אנדערע דאזע כדי צו פארזיכערן אז זיי זענען פולשטענדיג אימוניזירט.

**איז דער מאמפס ווירוס וועלכע צירקולירט אין ניו יארק סיטי אום 2010 אנדערש פון דעם געווענליכע מאמפס סארט?**

ניין, דער זעלבער סארט סטרעין האט פאראורזאכט געוועזנע אויסברוכן אין די פאראייניגטע שטאטן און אין ענגלאנד. די יעצטיגע **MMR** וואקסין דעקט דעם סארט סטרעין.

**פארוואס פאסירן אזוי פיל פעלער אין מענטשן וואס זענען געווען וואקסינירט?**

שטודיעס ווייזן אז די מאמפס וואקסין איז צווישן 80 פראצענט און 90 פראצענט ווירקזאם. דאס מיינט אז פון יעדע 100 מענטשן וואס ווערן וואקסינירט, וועלן 80 ביז 90 פון זיי זיין גענצליך באשיצט, אבער 10 ביז 20 וועלן בלייבן אויסגעשטעלט צו דער קראנקהייט. (ביי מיזעלס, אין פארגלייך, איז די וואקסין ארום 98 פראצענט ווירקזאם.) כאטש די מאמפס וואקסינאציע קען נישט באשיצן יעדן איינעם, טוט עס זייער שטארק רעדוצירן די צאל מענטשן וואס ווערן קראנק ווען זיי זענען אויסגעשטעלט צו דעם ווירוס. אויב אין א געוויסע קאמיוניטי איז פאראן א הויכע וואקסינאציע ראטע, ווערט די ריזיקע פון דעם ווירוס אויך רעדוצירט. און כאטש די וואקסינאציע קען נישט באשיצן יעדן איינעם פון אנטוויקלן מאמפס, איז אבער א פאקט אז מענטשן וואס באקומען מאמפס נאכדעם וואס זיי זענען וואקסינירט געווארן, קענען האבן א נידריגערע ריזיקע פון קאמפליקאציעס.

**איז שוין אמאל פארגעקומען אן אויסברוך פון מאמפס ביי מענטשן וואס זענען וואקסינירט געווארן?**

יא, אין יאר 2006 איז פארגעקומען אן אויסברוך פון מאמפס אין די מיד-וועסטערן פאראייניגטע שטאטן. דער אויסברוך האט הויפטזעכליך פאסירט צווישן קאלעדזש סטודענטן וואס זענען שוין געווען וואקסינירט.

יאנואר 2010
www.nyc.gov/html/doh/html/imm/immmum.shtm